טובות), איז בּלינד, קורצזיכטיק, און האָט פאַר־
געסן די ריינִיקונג פון זיינע אַלטע חטאים׳
10 דערפאַר, בּרידער, פלייסיקט זיך נאָך מער פעסט
צו מאַכן אייער רוף און אויסדערוויילונג; וואָרום
אויבּ איר וועט דאָס טון, וועט איר קיינמאָל נישט
11 שטרויכלען; וואָרום אָט אַזוי וועט אייך רייכלעך
געגעבּן ווערן דער אַריינגאַנג אין דעם אייבּיקן
מלכות פון אונזער האַר און גואל ישוע המשיח׳
12 דערפאַר וועל איך תמיד זיין גרייט אייך צו דער־
מאָנען וועגן די דאָזיקע זאַכן, הגם איר קענט זיי און
זענט געגרונטפעסטיקט אין דעם אמת, וועלכער איז
13 בּיי (אייך)׳ און איך האַלט עס פאַר רעכט, כל־זמן איך
בּין אין דעם דאָזיקן געצעלט, אייך צו דערוועקן מיט
14 אַ דערמָאנערונג; ווייל איך ווייס, אַז אין גיכן וועל
איך אָפּלייגן מיין געצעלט, ווי אויך אונזער האַר
15 ישוע המשיח האָט עס מיר קלאָר געמאַכט׳ און איך
וועל מיך פלייסיק בּאַמיען, אַז נאָך מיין פּטירה
זאָלט איר זיין אימשטאַנד צו געדענקען די דאָזיקע
16 זאַכן צו יעדער צייט׳ וואָרום מיר האָבּן נישט
נאָכגעפאָלגט קיין אויסגעקליגלטע לעגענדעס, ווען
מיר האָבּן אייך בּאַקאַנט געמאַכט די גבורה פון
אונזער האַר ישוע המשיח און זיין קומען, נאָר מיר
זענען געווען עדות, וואָס האָבּן געזעען מיט די
17 אייגענע אויגן זיין כבוד׳ וואָרום ער האָט
בּאַקומען פון גאָט דעם פאָטער כבוד און הערלעכ־
קייט, ווען אַזאַ קול איז אַראָפּגעקומען צו אים פון
דער מאַיעסטעטישער הערלעכקייט: דער דאָזיקער
איז מיין געליבּטער זון, אין וועמען איך האָבּ אַ
18 וואוילגעפעלן; און מיר האָבּן געהערט דאָס דאָזיקע
קול קומען פון הימל, בּשעת מיר זענען געווען מיט
19 אים אויף דעם הייליקן בּאַרג׳ און פעסטער איז